א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

250
פרשת וירא
תשע"ט

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### א תפילה אויף א חולה - אן דערמאנען זיין נאמען

"וַיֵּרָא אֵלָיו ה'" (יח א)

"לבקר את החולה" (רש"י).

פון וואו לערנט רש"י ארויס אז צוליב דעם איז דער אויבישטער געקומען צו אברהם?

א וואונדערליכער פשט טרעפן מיר אין די כתבים פון **רבי אלעזר פון גרמייזא** בעל 'הרוקח':

אין מסכת ראש השנה (טז ב) זאגן די חכמים אז איינס פון די זאכן וואס קען צורייסן א שלעכטע גזר דין איז 'שינוי השם', און לויט דעם קען מען זאגן אז ווען מ'דאוונט אויף א חולה איז בעסער אז מ'דערמאנט נישט זיין נאמען. אין אנזער פרשה האט די תורה געשריבן: "**וירא אליו**" אן צו דערמאנען דער נאמען פון אברהם, פון דעם האט רש"י ארויס געלערנט אז ווייל אברהם איז געווען קראנק און דער אויבישטער איז אים געקומען באזוכן און באגריסן, וועגן דעם איז זיין נאמען נישט דערמאנט געווארן.

'ילקוט ראובני'; 'נחלת יעקב - אבני שוהם אות י

### ממרא האט געהייסן זאגן 'על המילה'

"**וַיֵּרָא אֵלָיו ה' בְּאֵלֹנֵי מַמְרֵא**" (יח א)

"הוא [ממרא] שנתן לו עצה על המילה, לפיכך נגלה עליו בחלקו" (רש"י).

פרעגן די מפרשים: ווי קען זיין אז אברהם האט געפרעגט פון ממרא צי ער זאל מקיים זיין די מצוה?

א טיפער פשט זאגט **רבי יוסף משה שפירא** דער מגיד פון זאלאזיץ:

עס איז גע'פסק'נט אין שו"ע (יו"ד רסה א) אז ווען איינער מל'ט א קינד פון א צווייטן זאגט ער: "ברוך אתה... אשר קדשנו במצוותיו וציוונו **על המילה**", און נישט "למול", ווייל דער לשון 'למול' איז טייטש אז אויף אים ליגט די מצוה (פסחים ז ב), און דער עיקר מצוה ליגט נישט אויפן מוהל נאר אויפן טאטן. אבער אין א פאל וואס דער פאטער מל'ט אליין זיין קינד, קריגן זיך די פוסקים (יו"ד שם ב) צי דעמאלטס זאל ער אויך זאגן די געווענליכע נוסח 'על המילה', אדער ווייל די עיקר מצוה ליגט אויף אים זאל ער זאגן 'למול'.

לויט דעם קען מען זאגן אז ווייל אברהם האט זיך אליין גע'מל'ט (ב"ר מט ב), האט ער געהאט א ספק וועלכע נוסח זאל ער זאגן ביי די ברכה, און דאס האט ער געפרעגט פאר ממרא, און ממרא האט אים געגעבן די עצה צו זאגן 'על המילה'.

'ברית אברם'

### פאר וועמען האט זיך אברהם געבוקט?

"**וַיַּרְא וַיָּרָץ לִקְרָאתָם מִפֶּתַח הָאֹהֶל וַיִּשְׁתַּחוּ אָרְצָה**" (יח ב)

שפעטער (פס' ד) זאגט רש"י אז אברהם האט אין אנהויב געמיינט אז זיינע געסט בוקן זיך צו די שטויב פון זייער פוס, לויט דעם דארף מען פארשטיין וויאזוי האט ער זיך געבוקט צו זיי בעפאר זיי האבן אפגעוואשן זייערע פוס פון די שטויב, די הלכה איז דאך (רמ"א יו"ד קנ ג) אז מ'טאר זיך נישט בוקן פאר א מענטש וואס האלט ביי זיך א פסל?

ענטפערט **רבי חיים וויטאל**:

אברהם אבינו האט זיך נישט געבוקט פאר די מלאכים, נאר פאר השם יתברך, אלץ א דאנק אויף דעם וואס ער האט אים מזכה געווען מיט די מצוה פון הכנסת אורחים.

'עץ הדעת טוב'

## רזי אמונים
### רמזים פון אמן אין די פרשה

### מ'דארף זיך צואיילן אויפשטיין פריה נישט צו דערלייגן קיין אמן

"**וּכְמוֹ הַשַּׁחַר עָלָה וַיָּאִיצוּ הַמַּלְאָכִים בְּלוֹט לֵאמֹר קוּם...**" (יט טו)

די ראשי תיבות פון: "וּכְמוֹ הַשַּׁחַר עָלָה וַיָּאִיצוּ הַמַּלְאָכִים " זענען בגימטריה 'אמן' [מיטן כולל], אזוי אויך איז באקאנט אז 'אמן' איז בגימטריה 'מלאך'; "לֵאמֹר קוּם" - דער פסוק איז מרמז אז דער מענטש דארף זיך צואיילן אויפשטיין פריה צו דאווענען שחרית מיט א מנין, כדי ער זאל נישט דערלייגן די מצוה פון ענטפערן אמן און די מלאכים וואס ווערן באשאפן פון דעם.

'חן וחסד'

### זאגן פריער א ברכה און נאכדעם געבן פאר א צווייטן

"**וְאֶקְחָה פַת לֶחֶם וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם אַחַר תַּעֲבֹרוּ**" (יח ה)

לכאורה האט אברהם געדארפט זאגן: "ואתנה פת לחם", און פארוואס שטייט: "ואקחה"?

זאגט **רבי צבי יצחק אבראמאוויטש** דער רב פון די 'קריה החסידית' אין 'חצור הגלילית':

עס שטייט אין 'באר היטב' (או"ח ריג א) אז דער וואס וויל מכבד זיין א צווייטן מיט עסן אדער טרינקען, זאל ער פריער מאכן א ברכה און נאכדעם זאל ער מכבד זיין זיין חבר, ווייל עס שטייט אין גמרא (ברכות לה ב) אז ביז ווען א מענטש זאגט נישט א ברכה אויף זיין עסן ווערט עס נישט גערעכנט ווי זיינס.

און דאס האט אברהם געזאגט פאר זיינע געסט: קודם "וְאֶקְחָה פַּת לֶחֶם" - כדי איך זאל זאגן אויף דעם א ברכה, און נאר נאכדעם וועל איך ענק געבן "וְסַעֲדוּ לִבְּכֶם".

'טעם הצבי'

### די ברכה 'דיין האמת' אויף די צער פון אברהם

"**וַתַּבֵּט אִשְׁתּוֹ מֵאַחֲרָיו וַתְּהִי נְצִיב מֶלַח**" (יט כו)

אין מסכת ברכות (נד ב) זאגן די חכמים אז דער וואס זעהט די פרוי פון לוט וואס איז געווארן א שטיק זאלץ זאגט צוויי ברכות: "ברוך אתה... דיין האמת" - אויף די מדת הדין וואס האט איר געשטראפט, און: "ברוך אתה... זוכר הצדיקים" - אויף דעם וואס השי"ת האט געדענקט אברהם און צוליב דעם האט ער געראטעוועט לוט, אזוי ווי עס שטייט (להלן פס' כט): "וַיִּזְכֹּר אֱלֹקִים אֶת אַבְרָהָם וַיְשַׁלַּח אֶת לוֹט מִתּוֹךְ הַהֲפֵכָה".

האט דער '**חפץ חיים**' זיך געוואונדערט: די ברכה 'דיין האמת' האט מען דאך מתקן צו זאגן אין א צייט פון צער און ווייטאג, און וועגן דעם זאגט מען נישט די ברכה ווען א גוי שטארבט (או"ח רכה ט), איז פארוואס אויף די פרוי פון לוט זאגט מען די ברכה?

ענטפערט דער חפץ חיים: מיר טוהן נישט זיך מצטער זיין אויף די טויט פון די פרוי פון לוט, נאר אויף די צער און ווייטאג פון אברהם אבינו, ווייל די מידת הדין איז דעמאלטס געווען אזוי שטארק, אז זיין זכות האט איר נישט געקענט ראטעווען.

'שער הציון' ריח כב

### דער אויבישטער הערט ווען מ'דאוונט שטיל

"**וַתִּשָּׂא אֶת קֹלָהּ וַתֵּבְךְּ; וַיִּשְׁמַע אֱלֹקִים אֶת קוֹל הַנַּעַר וַיִּקְרָא מַלְאַךְ אֱלֹהִים אֶל הָגָר מִן הַשָּׁמַיִם וַיֹּאמֶר לָהּ מַה לָּךְ הָגָר אַל תִּירְאִי כִּי שָׁמַע אֱלֹקִים אֶל קוֹל הַנַּעַר בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם**" (כא טז-יז)

כאטש אז הגר האט אויפגעהויבן איר שטימע צו בעהטן צו השי"ת, דאך האט השי"ת נישט געהערט נאר "את קול הנער" - פארוואס?

ערקלערט **רבי יוסף משה שפירא** דער מגיד פון זאלאזיץ:

חז"ל זאגן דאך (ברכות כד ב): "המשמיע קולו בתפלתו - הרי זה מקטני אמנה", ווייל ער ווייזט מיט דעם כאילו דער אויבישטער הערט נישט ווען מ'דאוונט שטיל (רש"י שם). לויט דעם פארשטייט מען, ווייל הגר האט געדאוונט הויעך האט השי"ת דווקא צוגעהערט צו די תפילה פון ישמעאל, וואס צוליב זיין שוואכקייט האט ער זיכער געוויינט און געדאונט שטיל. און מיט דעם קען מען אויך טייטשן דעם המשך פונעם פסוק: "וַיִּקְרָא מַלְאַךְ אֱלֹקִים... מַה לָּךְ הָגָר" - פארוואס הייבסטו אויף דיין שטימע ווען דו דאוונסט, דו מיינסט אז דער אויבישטער הערט נישט ווען מ'דאוונט שטיל? "אַל תִּירְאִי" האב נישט מורא פון דעם!, ווייל "שָׁמַע אֱלֹקִים אֶל קוֹל הַנַּעַר" דווקא "בַּאֲשֶׁר הוּא שָׁם" - וואס צוליב זיין שוואכקייט האט ער נישט געקענט דאווענען הויעך.

'ברית אברם'



### לרגל דעם ערשטן יארצייט פון דער הסתלקות פון מרן המשגיח הגה"צ רבי **דב יפה** זצ"ל וואס געפאלט זונטאג י"ט חשון ברענגען מיר אראפ א שטיקל פון וואס ער האט געשיקט איבערגעגעבן לכבוד דעם צוזאמענקום פון 'בני אמונים' - אלול תשע"ו

"דער אויבישטער האט באשאפן די וועלט אויף אזא וועג אז דאס וואס עס פעהלט אויס זייער וויכטיג - אזוי ווי אקסעדזשען (חמצן) און וואסער - טרעפט זיך אפט און איז זייער גרינג צו געפינען. זאגט דער אלטער פון קעלעם, אזוי איז אויך אין רוחניות, ווייל עבודת ה' איז געבויעט אויף דער יסוד פון אמונה, דעריבער איז עס זייער גרינג צו דערגרייכן, "שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה" (ישעיה מ כו).

עס איז זייער אינטערסאנט, אז אויך 'אמן' וואס אין דעם ליגן באהאלטן אלע יסודות פון אמונה, טרעפט זיך זייער אפט אין יעדע צייט און אין יעדע פלאץ. יעדע'ס מאל וואס מ'ענטפערט אמן האבן מיר די געלעגנהייט צו געדענקען דעם אויבערשטן, לעבן מיט אונזער אויפגאבע אויף דער וועלט, - לעבן מיט באשעפער".

**ברכות השחר:** אויפן קול מיט כוונה מיט א חברותא.

די 'אמן' טרעפט זיך און איז גרינג צו געפינען צוליב איר וויכטיגקייט

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## ברכת 'אשר יצר'

## רופא כל בשר

-ב'-

### נקבים נקבים חלולים חלולים

אין מדרש (ב"ר א ג) ווערט געברענגט דער פסוק: "'כִּי גָדוֹל אַתָּה וְעֹשֵׂה נִפְלָאוֹת' (תהלים פו י): "רַבִּי תַּנְחוּם זאָגט: אויב האט דער קריגל א לאך אויך נאר אזוי ווי דער שפיץ פון א נאדל, גייט ארויס די גאנצע לופט, און דער מענטש איז באשאפן מיט אסאך לעכער, און זיין 'רוח' גייט נישט ארויס פון אים, ווער קען טוהן אזאנס? 'אַתָּה אֱלֹקִים לְבַדֶּךָ' (שם)".

און טאקע אזוי, ווען מיר קומען שילדערן די טיפע חכמה וואס ליגט באהאלטן אין די גלידער פון מענטש, טוהן מיר עס קאנצענטרירן מיטן דערמאנען אז זיי זענען באשאפן געווארן "נקבים נקבים חלולים חלולים", וואס מיט דעם קען מען באטיטלען אלע גלידער, אזוי ווי די מפרשים ערקלערן (ראה טור ב"י וב"ח ריש סי' ו):

אין דער קערפער פון א מענטש זענען פארהאן אסאך לעכער צוליב פארשידענע צוועקן; אין קאפ זענען דא צוויי לעכער וואו דארט זענען די אויגן וואס דורך דעם זעהט דער מענטש אלעס וואס איז ארום אים. אונטער די אויגן זענען דא די לעכער פון די נאז וואס דורך דעם קענען מיר אטעמען, שמעקן און געבן ארויס די איבעריגע פייכטקייט פון די קערפער. אונטער זיי איז דער מויל וואס איז אויף צו עסן און צו רעדן, אין דער מויל איז דא דער לאך פון די 'בית הבליעה' וואס פירט די עסן צו די מאגן, און די 'קנה' פון אטעמען וואס דורך דעם ציהט אריין דער מענטש לופט צו זיינע לונגען און גיט ארויס די ווערטער פון זיין גארגל. און אזוי איז אונזער קערפער פול מיט לעכער, א טייל פון זיי זעהט זיך אן אינדרויסן און א טייל פון זיי געפונען זיך אין דער קערפער, און זיי אלע זענען באשאפן געווארן מיט חכמה, אז זיי זאלן קענען אויספירן זייער אויפגאבע אויפן בעסטן וועג.

אזוי אויך איז דער קערפער פון א מענטש געבויעט פון חללים חללים - הוילקייטן, צ.ב.ש.: דער חלל אין די קאפ וואו דארט געפונט זיך דער מוח, דער חלל פון דער מויל וואו דארט זענען די צינג און די ציינער, דער חלל פון דער הארץ וואו פון דארט ווערט צושפרייט די בלוט צו אלע גלידער פון דער קערפער, דער חלל פון די מאגן וואו דארט ווערט די עסן צומאלן, דער חלל פון די לונגען וואו דארט ווערט די לופט גערייניגט און פון דארט ווערט געשיקט די אקסעדזשען (חמצן) צו די בלוט און נאך.

אויסער דעם שרייבט דער טור (שם) אז די ווערטער 'חלולים חלולים' זענען גימטריה צוויי הונדערט און אכט און פערציג אקעגן די אלע גלידער פון דער קערפער, און דער גר"א ('אמרי נועם' ברכות ס ב) ערקלערט ווייל: "עס איז נישט פארהאן א גליד וואס האט נישט קיין חלל אין זיך, און אויך די האר האבן אין זיך א חלל", קומט אויס אז אין דעם לשון דאנקען מיר אויפן באשאפן די אלע גלידער.

### חלולים אדער חללים

אין טור (שם) שטייט אז מ'דארף גורס זיין 'חלולים' און נישט 'חללים', און אין 'דרכי משה' (שם) ווערט ערקלערט ווייל דער לשון 'חללים' איז אויך טייטש הרג'ענען, אזוי ווי 'בחלל חרב' (במדבר יט טז). און אין 'בית יוסף' שטייט דער טעם, ווייל אויף א חלל פאסט נישט דער לשון פון 'באשאפן', ווייל 'חלל' באדייט א הוילקייט און א ליידיגקייט, אבער דער לשון 'חלולים' גייט ארויף אויף דער גליד וואס איז באשאפן געווארן אויסגעהוילט.

דער ב"ח וואונדערט זיך אויפן 'בית יוסף', ווייל מיר זאגן: 'ובורא חושך', כאטש אז טונקלקייט איז צוליב דעם וואס עס איז נישט ליכטיג, לויט דעם קען מען אויך לויבן אויפן באשאפן א חלל. נאך פרעגט דער ט"ז (או"ח ו א) אז לויט דעם 'בית יוסף' וואס דער לשון גייט ארויף אויף די גלידער וואלטן מיר געדארפט זאגן 'נקובים' און נישט 'נקבים'.

און אין 'פרי מגדים' (שם) איז ער מחלק אזוי, ריכטיג טאקע אז אויף טונקלקייט און לעכער איז יא שייך א לשון פון באשאפן, ווייל צוליב זיי האט אויסגעפעלט א מעשה; צוליב די טונקלקייט - האט מען געדארפט אוועק נעמען די ליכטיגקייט, און צו מאכן א לאך - האט מען געדארפט אוועק נעמען פון אינעווייניג. אבער די חללים זענען אליין געווארן, דורך באשאפן דעם גליד פון ארום, ווערן דעם איז נישט שייך צו זאגן 'וברא... חללים'.

### גלוי וידוע לפני כסא כבודך

אין די פארזעצונג פון די ברכה רופן מיר אויס אז נאר פארן אויבערשטן איז "גלוי וידוע" ווי געוואלדיג און טיף איז די חכמה וואס מיט דעם איז באשאפן געווארן אונזער קערפער, אויף גאר א מושלם'דיגער און פאסיגער וועג.

אסאך פון די מפרשים שטעלן זיך פארוואס אין די ברכה זאגן מיר דעם לשון: "גלוי וידוע **לפני כסא כבודך**", פארוואס האט מען אויסדערוועלט צו לויבן פונקט מיט דעם לשון און נישט מיט די געווענליכע לשון: 'לפניך'?

דער גר"א ערקלערט אז מ'האט מתקן געווען דער לשון כדי צו ווייזן אז מיר האלטן נישט אזוי ווי די נארישע מיינונגען וואס זאגן אז דער אויבישטער קוקט זיך נישט אום אויף די גאר נידריגע באשעפענישן. ווען דעם האט מען פונקט אין די ברכה אריינגעשטעלט די געוואלדיגע לשון, דיך צו לערנען אז אפילו אין אזא הויכע פלאץ וואס די מלאכים האבן נישט קיין באגריף אין דעם, קוקט זיך דער אויבישטער צו אויף די נידריגסטע טייל פון זיין וועלט, ווייל עס איז נישט פארהאן א זאך וואס קען אנגיין אן ער זאל אויף דעם משגיח זיין ('אמרי נועם' ברכות ס ב).

רבי יעקב דב מארמארשטיין דער נשיא פון 'בני אמונים' באלייכט אונז מיט א ספעציעלע געדאנק איבער דער ענין: שוין אין די ערשטע מינוטן פון דער טאג, אינמיטן די ברכות השחר זאגן מיר עדות אויף די ספעציעלע קשר וואס איז פארהאן צווישן אונז מיט הקדוש ברוך הוא, א קשר וואס ווערט ארויס געברענגט דורך יעדע איינציגע גליד וואס דער אויבישטער איז משגיח אויף זיי יעדע מינוט פון וואו ער זיצט אין 'כסא כבודך' (ראה הגהת הרמ"א או"ח ו א).

קומט אויס אז די ברכות השחר וואס אין זיי לויבן מיר אויף די גוט'ס וואס דער אויבישטער טוהט מיט אונז יעדן טאג, זיי זענען דער יסוד אויף דעם שטארקן קשר וואס איז דא צווישן אונז און השי"ת, א קשר וואס דערגרייכט ביז צו 'כסא כבודך'. ווען דעם דארף מען זיי זאגן אויף גאר א מושלם'דיגע וועג, מיט א קלארע ידיעה אז דער מענטש קען אינגאנצן נישט עקזיסטירן אפילו איין מינוט אן צו צוקומען צו די חסד פון השי"ת. און דאס קען מען מחזק זיין און משלים זיין דורך ענטפערן אויף זיי אמן.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## א באהאלטענע 'חברותא' אויף די ברכות השחר

אין זיינע יונגע יארן, האט דער באקאנטער ירושלימ'ער חסיד רבי יצחק דוד גראסמאן זצ"ל דער זיידע פון דער גאון רבי ישראל גראסמאן זצ"ל, גענומען די וואנדער שטעקן און איז ארויס פון ירושלים עיר הקודש אויף די לאנגע וועג וואס איז פול געווען מיט שוועריקייטן און פארשידענע סכנות וואס פירט אים צו זיין גרויסער רבי, דער 'בית אהרן' פון קארלין, נאך וואס ער האט שוין נישט געקענט זיך שטארקן אויף זיינע געפיהלן פון בענקעניש צו זיין רבי, וואס אין לויף פון אסאך יארן האבן זיי אים נישט געלאזט קיין מנוחה.

די יעצטיגע רייזע וואס האט זיך פארצויגן אויף א לאנגע תקופה, איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס רבי יצחק דוד איז געפארן און זיך געטראפן מיט זיין גרויסן רבי'ן. צוואנציג יאר פריער, ווען ער איז נאך געווען א יונג קינד, בעפאר ער איז ארויף צו די הייליגע לאנד, האט זיין פאטער רבי מרדכי אים גענומען צו זיין רבי דער 'בית אהרן' צו באקומען פון אים א ברכה, דעמאלטס האט דער יונג קינד זוכה געווען אנכאפן די הייליגע הענט פונעם רבי'ן און באקומען א ברכה.

אין אנהויב פון דער רייזע, ווען ער איז דאס ערשטע מאל אריין בדחילו ורחימו צו די הייליגע הויז פון זיין רבי, איז רבי יצחק דוד איבערראשט געווארן ווען דער רבי האט אנגעכאפט זיינע הענט מיט ליבשאפט און זיך אונטער געמורמלט: "די הענט האב איך שוין אמאל אנגעכאפט...". רבי יצחק דוד האט צוגעשאקלט זיין קאפ מיט התרגשות און באגייסטערנישט פון די אפענע רוח הקודש וואס האט זיך אנטפלעקט אקעגן זיינע אויגן.

ווען רבי יצחק דוד איז אנגעקומען צו די הייליגע הויף, האט ער געפיהלט ווי א רואיגקייט צושפרייט זיך אין אלע זיינע גלידער. נאך יארן פון גלוסטן און בענקשאפט, האט זיין נשמה געטראפן מנוחה. רבי יצחק דוד וואס האט געוואוסט אז זיין צייט צו זיין דארט איז באגרעניצט, האט ער זיך משתדל אויסנוצן יעדע מינוט. ער איז צוגעבינדן געווארן צו זיין רבי מיט קייטן פון ליבשאפט, כמעט האט ער זיך נישט אוועק געריקט פון צו זיין נעבן אים, ווען ער זאמלט אן פילט אן זיינע כלים מיט פינקען פון קדושה און עבודת ה'.

אויך דער רבי פון זיין זייט האט צוריק געשאנקען ליבשאפט פאר דעם יונגן יונגערמאן און אים מקרב געווען אויף א אויסערגעווענליכע אופן. ער האט נישט געשוינט פון אים געוואלדיגע אויסדורקן פון ליבשאפט און האט נישט באהאלטן פון זיינע נאנטע די געוואלדיגע שעצונג וואס ער פילט צו אים, אזוי ווי מיר וועלן זעהן אין די ערציילונג.

דער סדר היום פונעם 'בית אהרן' פון קארלין איז געווען זייער פול. כמעט וואס ער נישט געשלאפן אין לויף פון טאג, און אלע זיינע שעה'ן און כוחות האט ער אריינגעלייגט אין תורה און אין עבודת ה', רוב פון די צייט איז ער געווען אפגעזונדערט פון מענטשן, ממש אזוי ווי איינער פון די שרפים.

די הייליגע עבודה האט זיך שוין אנגעהויבן אין די קליינע שעות פון די נאכט. נאכן כאפן א קליינע דרימל, האט ער זיך געשטארקט ווי א לייב און איז אויפגעשטאנען לערנען תורה בעיון. נאכדעם איז ער זיך געגאנגען טובל'ן אין די מקוה וואס איז געווען נאנט צו זיין הויז, און פון דארט האט ער זיך געוואנדן צו זיין צימער און אנגעהויבן די עבודה פון אינדערפריה, מיטן זאגן ברכות השחר אויפן קול און מיט גרויס כוונה וואס האט געדויערט נישט ווייניג צייט.

אין לויף פון די אלע שעה'ן האט דער רבי מקפיד געווען צו זיין אליין אין זיין צימער. קיינער האט נישט געקענט מיטהאלטן זיין עבודת הקודש, אבער לויט וואס מ'האט נאכדערציילט האט מען גערעדט פון גאר א ספעציעלע עבודה. אסאך פון די חסידים האט געהאט חשק מיטהאלטן, אבער דער רבי האט מקפיד געווען עס צוטוהן באהאלטערנערהייט און באשיידן.

אנדערשט פון אלע איז געווען רבי יצחק דוד. ווי געזאגט, זיין גלוסטעניש צו זיין רבי האט נישט געהאט קיין גרעניץ, און אלץ איינער וואס איז יעצט געקומען פון ארץ הקודש, האט ער געשפירט אז ער קען זיך ערלויבן אביסל מער. אין זיין הארץ האט ער באשלאסן אז ער מוז מיטהאלטן די געהויבענע מינוטן, כאטש איין מאל אין לעבן.

אינמיטן נאכט, אין די צייט וואס אסאך ליגן אין זייערע בעטן ווען זיי זענען פארזינקען אין א טיפע שלאף, איז רבי יצחק דוד אויפגעשטאנען פריה און איז געגאנגען צום רבי'נס הויז. שטילערהייט האט ער געוואַרט ביז דער רבי איז ארויס פון זיין צימער אויפן וועג צו די מקוה, דעמאלטס האט ער זיך אריינגעכאפט אין די צימער פון דער רבי, און זיך שנעל באהאלטן אונטער א לאנגע דיקע וואלענע מאנטל וואס האט געהאנגען אויפן וואנט.

ער האט זיך דארט באהאלטן מיט גרויס ציטער, ווען ער קען קוים ווארטן ווען וועט דער רבי צוריק קומען פון די מקוה. אין הארץ האט ער געציטערט אפשר וועט מען אים באמערקן, אבער ער האט געהאפט אז די טונקלקייט וואס האט געהערשט אין צימער אין יענע צייט, צוזאמען מיט זיינע באמיאונגען זיך באהאלטן ווי ווייט מעגליך, וועלן אפהאלטן פונעם רבי'ן אים צו טרעפן, צום וויניג'סטנס ביז ער וועט הערן פון אים די ברכות השחר.

ענליך זענען געהערט געווארן די פיס טריט פון דער רבי דערנענטערן זיך צום צימער. די טיר פון דער צימער האט זיך געעפענט און דער רבי איז אריינגעקומען, ווען זיין געשטאלט איז אזוי ווי א מלאך ה'. אן זיך אויפהאלטן האט דער רבי באלד אנגעהויבן צו זאגן די ברכות השחר מיט א ברען און התלהבות, ווען יעדע ווארט עקסטער זאגט ער ארויס מיט א זיסע און א פאסיגע ליד.

רבי יצחק דוד האט נישט געוואוסט ווי זיך אהין צו טוהן פון גרויס גליק. עס האט זיך געלוינט די פלאג, מיט גרויס געפיהל האט ער צוגעהערט צו די ברכות פון דער רבי, און האט מקפיד געווען צו ענטפערן אמן מיט כוונה נאך יעדע ברכה. אין יענע דערהויבענע מינוטן האט זיך אים געדאכט ווי די גאנצע באשעפעניש זינגט און עס קומט ארויס דורך דעם רבי'נס גארגל, כמעט איז זיין נשמה ארויסגעפלויגן פון גרויס זיסקייט.

ענליך האט דער רבי געענדיגט צו זאגן די ברכות און איז ארויס פון צימער צו פארזעצן זיין עבודת הקודש. רבי יצחק דוד האט געוואַרט אביסל ביז ער האט שוין נישט געהערט די פיס טריט פון דער רבי, ערשט דעמאלטס איז ער שטילערהייט ארויס פון צימער, ווען זיינע פיס טאנצן ווי פון זיך אליין אויף די גרויסע זכות וואס ער האט געהאט.

עס האט אויסגעזעהן אז זיין זעהל האט זיך שוין בארואיגט, אבער ניין. פון ווען רבי יצחק דוד האט איינמאל געקאסט דעם גוטן טעם פון די וואונדערליכע מינוטן, איז ער נישט געווען זאט. אין דעם קומענדיגן נאכט האט ער זיך געוואלגערט אויף זיין בעט מיט בענקשאפט, און ווען עס איז אנגעקומען דער צייט האט ער זיך נישט געקענט איינהאלטן, און זיינע פוס האבן אים נאכאמאל געפירט צום רבי'נס צימער.

אויך יעצט האט ער געוואַרט ביז ווען דער רבי וועט ארויסגיין פון צימער זיך טובל'ן, און דעמאלטס האט ער זיך נאכאמאל אריינגעכאפט צו דעם פלאץ וואו ער האט זיך נעכטן באהאלטן. נאך עטליכע מינוט איז נאכאמאל געהערט געווארן די שטימע פון דער רבי וואס האט געזאגט די ברכות מיט כוונה און מיט א נעימות, און רבי יצחק דוד, וואס מיט זיין תמימות האט ער געמיינט אז דער רבי ווייסט נישט וואו ער איז, האט געענטפערט נאך אים אמן מיט כוונה און נאכדעם האט ער זיך ווייטער באהאלטן דארט ביז עס איז אנגעקומען די פאסיגע מינוט צו קענען ארויסגיין פון צימער.

אין די קומענדיגע טעג האט רבי יצחק דוד זיך ווייטער אזוי געפירט, און זייער שנעל איז עס געווארן א געוואוינהייט. יענע געהויבענע מינוטן אין רבי'נס צימער זענען טיף אריינגעקריצט געווארן אין זיין זעהל, און אים אויפגעהויבן עטליכע טפחים העכער די קרקע.

ווי געזאגט, האט רבי יצחק דוד געמיינט אז דער רבי ווייסט נישט אז ער באהאלט זיך דארט, אבער אין איינע פון די טעג, אין די פארטאג'ס שעה'ן, ווען דער רבי איז געווען אין זיין צימער, צוזאמען מיט דעם באהאלטענעם חסיד, האט זיך פלוצלינג אפגעשטעלט א שיינע וואגן נעבן די אריינגאנג פון די הויז. פון די וואגן איז אראפ א באקאנטע געשטאלט. דער איז געווען פון די רייכע חסידים פון דער רבי, וואס מיט שנעלע טריט האט ער זיך געוואנדן צו די ריכטונג פון די צימער פון דער רבי און אן צו קלאפן אויפן טיר איז ער אריין אין צימער ווען ער וויל עפעס וויכטיג רעדן מיטן רבי'ן, ווען ער באטאנט אז ער מוז קומען אין אזא פריה שעה, ווייל ער דארף פריה ארויס פארן צו זיינע געשעפטן.

אבער דער רבי האט נישט אזוי שנעל נאכגעגעבן זיין פארלאנג, ווי געזאגט איז יעצט געווען די צייט וואס דער רבי האט מקפיד געווען צו זיין אליין, אבער דער חסיד האט זיך גע'עקש'נט און זיך געבעהטן... ווען דער רבי האט זיך איבערגעצייגט אז דער חסיד וועט נישט אזוי שנעל אוועק גיין, האט ער זיך געוואנדן צו אים מיט א פאראיבל, ווען ער ווייזט אויף די גרויסע מאנטל וואס הענגט אויפן וואנט:

"אט דא אונטער די מאנטל, באהאלט זיך א יונגער יונגערמאן וואס איז באליבט ביי מיר אזוי ווי דער שווארץ אפל פון מיין אויג, און פון דעסוועגן קען איך נישט יעצט שמועסן מיט אים, און דו ווילסט אז איך זאל רעדן מיט די וועלט'ליכע זאכן?!".

אט יעצט האט זיך רבי יצחק דוד איבערגעצייגט צו זעהן אז דער רבי מיט זיינע הייליגע אויגן האט שוין לאנג געוואוסט פון זיין סוד, און פון דעסוועגן, צוליב די געוואלדיגע ליבשאפט וואס ער האט געהאט ביי אים האט ער געשוויגן.

דער עושר איז ארויס פון צימער מיט א אראפגעלאזטע פנים, און דער רבי האט אנגעהויבן זיין עבודת הקודש, מיטן זאגן די ברכות השחר מיט כוונה און מיט התעוררות אויף זיין שטייגער, ווען אונטער די דיקע מאנטל ענטפערט רבי יצחק דוד א באגייסטערטע אמן.

'גדול בישראל' ח"א עמ' 56

עיצובים shay